אַלע, איינער אָבער דערלאַנגט דעם פּריז? אַזוי זאָלט
25 איר לויפֿן, כּדי איר זאָלט עס באַקומען. און יעדער
וועטקעמפֿער באַהערשט זיך אין אַלעם. און זיי
(טוען עס) כּדי זיי זאָלן באַקומען אַ פֿאַרדאַרבלעכע
26 קרוין; מיר אָבער אַן אומפֿאַרדאַרבלעכע. דעריבער
לויף איך אַזוי, נישט ווי אין דער פֿינסטער; אַזוי
קעמף איך, נישט ווי איינער, וואָס שלאָגט די לופֿט;
27 נאָר איך אונטערדריק מיין גוף און האַלט אים אין
קנעכטשאַפֿט, כּדי בשעת איך דרשן צו אַנדערע,
זאָל איך אַליין נישט פֿאַרוואָרפֿן ווערן.

## קאַפּיטל צען

10

1 וואָרום איך וויל נישט פֿון אייך פֿאַרהוילן, ברידער,
אַז אַלע אונזערע פֿאָטערס זענען געווען אונטער
דעם וואָלקן, און אַלע זענען אַריבערגעגאַנגען דעם
2 ים; און אַלע זענען געטובלט געוואָרן צו משהן אין
3 דעם וואָלקן און אין דעם ים; און אַלע האָבן געגעסן
4 די זעלביקע רוחניותדיקע שפּייז; און אַלע האָבן
געטרונקען דאָס זעלביקע רוחניותדיקע געטראַנק;
וואָרום זיי האָבן געטרונקען פֿון דעם רוחניותדיקן
פֿעלזנשטיין, וועלכער האָט זיי באַגלייט; און דער
5 פֿעלזנשטיין איז געווען דער משיח. נאָר אין די
מערסטע פֿון זיי האָט ג־ט נישט געהאַט קיין וואויל־
געפֿעלן; וואָרום זיי זענען אומגעקומען אין דער מדבר.
6 און די דאָזיקע זאַכן זענען געשען אַלס פֿאַרבילדער
פֿאַר אונזערטוועגן, כּדי מיר זאָלן נישט גלוסטן צום
7 בייזן, ווי יענע האָבן געגלוסט. און איר זאָלט אויך
נישט זיין קיין געצנדינער, ווי אַ טייל פֿון זיי; ווי
עס שטייט געשריבן: דאָס פֿאָלק האָט זיך אַנידער־
געזעצט צו עסן און טרינקען, און זענען אויפֿ־